


פרשת תרומה

ד' אדר א' תשפ"ב

יאר 2 גליון 40

## א בריוו פונעם

# ראש ישיבה שליט"א

...תחי', תלמידה בית פיגא ברסלב.

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך פריי מיך צו הערן פון אייער טיטשערס אז איר פירט זיך מיט דרך ארץ; ביים רבי'ן איז געווען א יסוד "דרך ארץ", דער רבי האט געזאגט: "ווען קעניגן וואלטן געוואוסט וואסערע דרך ארץ איך לערן אויס פאר מיינע תלמידים, וואלטן זיי געשיקט זייערע קינדער צו מיר איך זאל זיי אויסלערנען דרך ארץ"; אז א מיידל פירט זיך אויף מיט דרך ארץ אין שטוב צו אירע עלטערן און אין שולע צו די טיטשערס- איז זי א ריכטיגע תלמידה פון בית פיגא און דאס הייסט א תלמידה פון היכל הקודש.

רעדט נאר מיט מיידלעך וואס רעדן שיינע און איידעלע זאכן; אויב א חבר'טע רעדט פון נישט איידעלע זאכן זאלט איר זוכן אן אנדערע פרענד.

זאגט אביסל תהלים יעדן טאג ווייל אין ספר תהלים ליגן אלע ישועות.

יואל רוטה

# נייעס אין בית פיגא

אלע מיידלעך אין שטעטל סקול פרייען זיך מיט די גרויסע שמחה אז מרת לעזער איז שוין ענדליך צוריקגעקומען אין סקול מיט איר נייע בעיבי!

לכבוד ראש חודש אדר איז געווען א הערליכע ראש חודש פראגראם סיי אין שטעטל און סיי אין וויליאמסבורג. מען האט געשפילט געשמאקע געימס, און מען האט געטאנצן און זיך געפריידט!

# מזל טוב!

**טיטשער פעסי, לאה'לע, פייגי, אדי און יוטי שטראססער צו זייער ברודער'ס בר מצוה!**

**פערעלע און שיפי און אסתי רייך, זייער פעטער איז געווארן א חתן!**



# מעשיות פון תפילה

## פריידי ווייזער

נעכטן אינמיטן סקול איז א קליינע שטיקל האלץ אריין אינטער מיין נעגל און ס'האט זייער שטארק וויי געטון. שכח אייבערשטער איך האב געטראפן עפעס מיט וואס עס צו ארויסנעמען אבער ס'איז נישט ארויסגעקומען. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז די גאנצע זאך זאל שנעל ארויסקומען, נישט נאר א שטיקל און שכח אייבערשטער נאכ'ן פרובירן פאר אפאר מינוט איז עס ארויסגעקומען!



**עלטסטע קלאס**
שטעטל

## חי'לע לעזער

איין טאג האט מיין ברודער פארלוירן א בעג וואס אין דעם איז געווען זייער א וויכטיגע זאך. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז מ'זאל עס שנעל טרעפן. שכח אייבערשטער מ'האט עס געטראפן!



**פיפטע קלאס**
שטעטל

## רייזי איידליס

מיין מאמע האט געוואלט וואשן וועש און די וואש מאשין האט נישט געארבעט, ס'איז נישט געקומען קיין וואסער. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז ס'זאל שוין ארבעטן און שכח אייבערשטער נאך אסאך תפילות האט עס אנגעהויבן ארבעטן!



**דריטע קלאס**
שטעטל

## אדי וועבערמאן

שוין א לאנגע צייט בעט איך די אייבערשטער אז מיין משפחה זאל מופן צו שטעטל, שכח אייבערשטער מיר האבן געטראפן א שיינע הויז און מיר גייען אי"ה מופן אין שטעטל!



**עלטסטע קלאס**
וויליאמסבורג

## לאה פייגי בלום

איין טאג אין סקול האב איך פארלוירן א פענסיל וואס איך האב זייער וויכטיג געדארפט האבן. איך האב עס אנגעהויבן זוכן... אינמיטן האב איך מיך דערמאנט צו דאנקען די אייבערשטער פאר אלע גוטע זאכן וואס איך האב, ווי אויך האב איך געבעטן אז איך זאל שנעל טרעפן מיין פענסיל. שכח אייבערשטער! א מינוט שפעטער האב איך עס געטראפן!



**פיפטע קלאס**
וויליאמסבורג

## עליזה מזרחי

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז מיין קליינע זיסע שוועסטער זאל שוין אנפאנגען צו עסן געהעריגע עסן. איך האב שוין קוים געקענט ווארטן איר צו קענען פיטערן זופ, עפל סאויס... שכח אייבערשטער אז די וואך האט מען איר געגעבן צו עסן זופ און זי האט זייער שטארק הנאה געהאט!



**דריטע קלאס**
וויליאמסבורג

## מינדי לעווי

איין צופרי בין איך אויפגעשטאנען אביסל שפעט און איך האב מיך זייער שטארק געיאגט. איך האב באמערקט אז די באס איז שוין אויף מיין גאס! האב איך אנגעהויבן בעטן די אייבערשטער אז איך זאל נאך מאכן די באס און שכח אייבערשטער איך בין אנגעקומען צו מיין באס אין צייט!



**צווייטע קלאס**
וויליאמסבורג

# א מעשה פון א צדיק

אין קורצן פון פריער:

יששכר דער באס דרייווער, פון תל אביב איז געווען א פרייער איד. איין טאג איז א ברסלבע מפיץ ארויפגעקומען אויפ'ן באס און אים געוואלט געבן א קונטרס. יששכר האט זיך אויפגערעגט און געשריגן אויף די מפיץ, אבער די מפיץ האט זיך נישט פארלוירן.

יעצט ליינט ווייטער:

דער אידל איז געבליבן שטיין, און מיט אן איידעלע טאן איבערגעזאגט זיינע פריערדיגע ווערטער. זעענדיג אז איך וועל נישט פטור ווערן פון אים, האב איך אים צוגעווארפן אפאר מטבעות, און איבערגענומען די קונטרס. איך האב פארשטעקט די קונטרס אין מיין פריוואטע זעקל און פארגעסן דערפון.

איין טאג האב איך באשלאסן צו מסדר זיין מיין זעקל. נאכ'ן עס אויסליידיגן, האב איך געטראפן די קונטרס. אויפ'ן דעקל איז געשטאנען מיט שרייעדיגע אותיות: "למה להתיאש?!" פארוואס זאלסטו אויפגעבן?! די ווערטער האבן מיר געכאפט. מיט גרויס אינטערעס, האב איך געעפנט דעם דעקל, און מיינע אויגן זענען געלאפן איבער די בלעטער. מיין זעל האט געשלינגען די פערל ווערטער מיט א דורשט וואס איז שווער צו באשרייבן. די טרעפליכע דיבורים האבן צושפילט מיינע געפילן. די טרערן האבן אנגעהויבן צו פליסן אן קיין אויפהער. די ווערטער האבן אנגעטראפן די פינטעלע איד פון מיין הארץ.

זייט יענע טאג, בין איך געגאנגען אין א זיך אקציע פאר קונטרסים פון מוהרא"ש. צוביסלעך האב איך אנגעהויבן היטן אידישקייט, טריט ביי טריט. היינט האב איך עלף קינדער קע"ה. אלע לערנען אין ישיבות און אין ערליכע מוסדות התורה. א דאנק יענע קונטרס, און יענע ברסלב'ע מפיץ, האב איך די שענסטע לעבן.

**טייערע מיידלעך, וואס לערנען מיר זיך ארויס פון די מעשה? האט איינער געטראכט וויאזוי די מפיץ האט געפילט נאכ'ן געבן דעם קונטרס? דער באס דרייוועער איז געווען אזוי אין כעס נאכ'ן עס נעמען, עס האט אויסגעקוקט ווי ער וועט עס זיכער צורייסן באלד. אבער עס האט יא אויפגעטון! און די מפיץ ווייסט ניטאמאל ווי, וואס, ווען! ווייסטו וויפיל דו האסט שוין אויפגעטון? שאץ זיך נישט אונטער! דיין כח איז גרויס!**



# אונזערע לערערינס דערציילן

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס ס'מיינט פאר א מיידל ווען דו געבסט איר א קאמפלימענט, דו קענסט טוישן א מיידל'ס גאנצע טאג! פרוביר צו צוגיין צו א מיידל וואס זיצט ביי די זייט און נעמט נישט א טייל אין די זאפטיגע שמועס, געב איר אן אמת'ע קאמפלימענט און הייב אן א שמועס מיט איר.

ס'איז אינטערעסאנט אז מען זעט נישט אז מיידלעך זאלן דארפן טראכטן פאר מען זאגט, "רוק דיך פון דא, איך האב געכאפט די פלאץ!" אבער פארן געבן א קאמפלימענט טראכט מען אזוי פיל מאל, זאל איך יא געבן די קאמפלימענט, זאל איך עס נישט זאגן, אבער מען דארף נישט אזויפיל טראכטן...



# פון עצתו אמונה

געבן גוטע ווערטער איז זייער א גרויסע מצוה; ווען מען געבט יענעם א גוט ווארט - געבט מען יענעם ממש לעבן.

אמאל קען א גוט ווארט ראטעווען יענעם, עס זענען דא מענטשן וואס האבן שרעקליכע יסורים, קיינער ווייסט דאס נישט, זיי ווילן נאר אנטלויפן ה' ירחם, און מיט איין גוט ווארט ראטעוועט מען יענעם.עס איז נישט קיין עסק צו געבן פאלשע גוטע ווערטער, עס האט נישט קיין טעם ווען מען געבט יענעם א קאמפלימענט און דאס איז נישט אמת; מען דארף געבן גוטע ווערטער וואס איז איז ווארט. אז מען וועט גוט אריינקוקן, מען וועט זוכן א גוטע זאך אין יענעם - וועט מען שטענדיג האבן גוטע זאכן וואס זענען אמת מיט וואס יענעם צו מחי' זיין.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

# Recipe

## Easy Brownie Cake

**Recipe:**

4 eggs

2/3 cup oil

2/3 cup cocoa

1 tsp baking powder

2 cups sugar

1 cup flour

1 tbsp vanilla sugar

**Directions**:

Preheat oven to 350°. Place ingredients in a bowl and mix well. Pour into greased 9” baking pan. Bake for 45 minutes.



געדענק צו בעטן די אייבערשטער אז ס'זאל אויסקומען גוט!

# פון אונזערע לערערינס

לכבוד מיין טייערע תלמידה... תחי',

איך האב אזוי ליב דיך צו האבן אין מיין קלאס. דו ביסט זייער דרך ארץ'דיג און דו הערסט זיך זייער גוט צו אין קלאס. אויך, דיין דאווענען ווערט שענער און שענער יעדן טאג! א מחי' צו הערן!

איך האב זייער הנאה צו זעהן ווי ערוואקסן דו פירסט זיך אויף, סיי ביי פרישטאג, לאנטש, און אויך ריסעס. דעמאלט קען מען זען ווי ערוואקסן א מיידל איז... אן ערוואקסענע מיידל שפילט זיך מיט יעדן, אבער זי רירט נישט אן א צווייטע מיידל,און אוודאי רירט זי אויך נישט אן אן אנדערע מיידל'ס זאכן אן רשות, אפילו נישט פאר א וויץ... ווייל דאס הייסט גניבה אדער גזילה.

אויך די נארישע אויפפירונג פון מיידלעך צו אויפהייבן א מיידל, נישט קיין חילוק צו זי איז קליין אדער גרויס, ווייזט אויף נישט אזא ערוואקסנקייט. ב"ה דו פירסט זיך אויף זייער ערוואקסן און דו ברענגסט מיך אסאך נחת!

האלט ווייטער אן דיין דרך ארץ און הערליכע דאווענען. אויך פרוביר צו זאגן יעדל טאג אביסל תהלים- פאר א מיידל דיין עלטער איז נישט שווער צו זאגן די יום פון די חודש- ס'איז נאר פינף קאפיטלעך דו קענסט ענדיגן יעדע חודש תהלים.

מיט ליבשאפט,

שרה לעזער



**ש'כח איבערשטער אז איך בין א איד, און די תורה און מצוות איך היט!**

## טרעף די וועג



יעדע קעסטל און רייע דארף האבן די נומערן פון איינס ביז ניין.

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | 2 | | 8 | 6 |
| | | 7 | | 3 | | | | |
| 2 | 3 | | | | 5 | 4 | | |
| 7 | | 6 | | | | 2 | 5 | 3 |
| | | | 1 | 5 | 6 | | | |
| 5 | 9 | 4 | | | | 8 | | 1 |
| | | 2 | 9 | | | | 3 | 7 |
| | | | | 8 | | 6 | | |
| 1 | 6 | | 2 | | | | | |

# קאליר

## לויט די נומערן

1. געל
2. רויט
3. גרין
4. אראנדש
5. פערפל
6. ברוין

